**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט איבער 12 מיליאן דאלאר פאר דאמיניקאנער צענטער פאר קונסט און קולטור אין צפון מאנהעטן

***סטעיט, פעדעראלע און לאקאלע באאמטע זענען אריין אין שותפות מיט CUNY דאמיניקאנע שטודיעס אינסטיטוט צו וואוקשטעלן ערשטע קולטורישע צענטער פון די סארט געווידמעט פאר קונסט און קולטור פון די דאמיניקאנער רעפובליק***

***צענטער וועט אריינרעכענען מוזעאום און פלאץ פאר אויסשטעלונגען, טעאטער, קינדער לייברערי און רעקארדירטע אינטערוויו און ארכיוון פראיעקט צו פרעזערווירן די קולטורישע היסטאריע פון די דאמיניקאנער רעפובליק און ניו יארקער פון דאמיניקאנער אפשטאם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט 12.5 מיליאן דאלאר צו וואוקשטעלן א דאמיניקאנער צענטער פאר קונסט און קולטור (Dominican Center for the Arts and Culture) אין צפון מאנהעטן. אנגעפירט דורך די דאמיניקאנע שטודיעס אינסטיטוט (Dominican Studies Institute, DSI) ביי די סיטי קאלעדזש אָוו ניו יארק, וועט דאס זיי די ערשטע קולטורישע צענטער פון די סארט, געווידמעט צו פרעזערווירן און באשיינען די קונסט און קולטור פון די דאמיניקאנער רעפובליק און אזוי אויך ניו יארקער פון דאמיניקאנער אפשטאם.

"ניו יארק וואלט נישט געווען וואס מיר זענען היינט אן אונזער דאמיניקאנער קאמיוניטי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די ערשטע קונסט און קולטור צענטער פון די סארט, וועט ניו יארק באשיינען און פרעזערווירן די היסטאריע פון די דאמיניקאנער רעפובליק און אזוי אויך די צאללאזע ביישטייערונגען וואס דאמיניקאנער-אמעריקאנער האבן געמאכט צו העלפן אויספארעמען אונזער צפון מאנהעטן קאמיוניטי צו ווערן דאס וואס עס איז היינט."

די דאמיניקאנער צענטער פאר קונסט און קולטור וועט זיך געפונען אין די וואשינגטאן הייטס/אינוואוד טייל פון מאנהעטן. די צענטער וועט אריינרעכענען:

- א מוזעאום און פלאץ פאר אויסשטעלונגען צו פארשטעלן דאמיניקאנע און לאַטינאָ קונסטלער — די איינציגסטע אויסשטעלונגען פלאץ אויף א הויכע סטאנדארט פון די סארט אין צפון מאנהעטן, אפן פאר אומזיסט צו די פובליקום.
- א פלאץ פאר א טעאטער אדער זאל פאר פארשטעלונגען, מוזיק, פילם אויפשפילונגען אדער גרויסע לעקציעס, אויסגעריכטעט מיט פארגעשריטענע סאונד און באלייכטונג סיסטעמען.
- א קינדער לייברערי וואס וועט זיך קאנצענטרירן אויף די אפהיטונג פון די ספאנישע שפראך, אונטער די פארוואלטונג פון אן אפטיילונג פון די ניו יארק פובליק לייברערי אין צוזאמענארבעט מיט די CUNY DSI'ס דאמיניקאנער לייברערי.

- א רעקארדירטע אינטערוויוס און ארכיון פראיעקט וואס איז קאנצענטרירט אויפן פרעזערווירן די קולטורישע היסטאריע פון די געגנט.

**CUNY טשענסעלאר, פעליקס וו. מאטאָס ראדריגעז, האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג וועט ערמעגליכן CUNY'ס דאמיניקאנע שטודיעס אינסטיטוט צו אויפשטעלן א צענטער וואס באשיינט די היסטאריע און טראדיציעס פון די דאמיניקאנער רעפובליק, וועמען'ס מענטשן זענען די גרעסטע אימיגראנט גרופע סיי אין אונזער סיטי און סיי אין אונזער אוניווערסיטעט. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פארן מאכן אן אנדענק פון די פילע וויכטיגע ביישטייערונגען וואס מענטשן פון דאמיניקאנער אפשטאם מאכן און פון די וויכטיגע ראלע וואס זיי שפילן אין די געשיכטע פון ניו יארק."

**קאנגרעסמאן עידריאַנאָ עספּאַיאַט האט געזאגט,** "דאמיניקאנער קולטור און די ארטיגע קאמיוניטי פון דאמיניקאנער אפשטאם האבן געהאט א השפעה וואס קען נישט פארלייקנט ווערן אויף קאמיוניטיס אריבער דאס לאנד, און עס איז נישטא א פלאץ וואו עס זעהט זיך קלארער אן ווי דא אין ניו יארק סיטי, און באזונדערס אין צפון מאנהעטן. עס איז דא א דרוקנדע נויט פאר א דאמיניקאנער קולטורישע צענטער צו אנערקענען און באשיינען די ביישטייערונגען פון אונזער קאמיוניטי. איך בין גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר פארפליכטונג פון מער פון 12.5 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג צו שטיצן די אויפבויאונג פון די צענטער. מיט די היינטיגע אנאנסירונג, וועל איך האבן ערפאלגרייך געהאלפן פארזיכערן נאענט צו 38 מיליאן דאלאר אין רעגירונג אינוועסטירונגען צו ברענגען דעם ווייט-קוקנדער פראיעקט צו פארווירקליכט ווערן."

**אסעמבלי מיטגליד מעני דע לאס סענטאָס האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט ביז גאר צו פייערן די באדייטנדע דערגרייכונג אין ריכטונג פון אונזער ציהל צו אוועקשטעלן די דאמיניקאנער צענטער פאר קונסט און קולטור אין מיין דיסטריקט. די צענטער וועט העלפן פרעזערווירן און פארשפרייטן אונזער דאמיניקאנער קולטור אריבער גאנץ צפון מאנהעטן, ניו יארק סיטי און נאך ווייטער. ניו יארקער, באזיכער און צוקונפטיגע דורות וועלן קענען לערנען און באקומען די ערפארונג פון די רייכע דאמיניקאנער מסורה וואס האט געהאלפן אויספארעמען און זעצט פאר צו אויספארעמען אונזערע קאמיוניטיס. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן מיטטיילן דעם חזון, שטיצנדיג די קאמיוניטי מיט די פינאנצירונג וואס וועט העלפן זעהן דעם וויכטיגן פראיעקט ווערן פארענדיגט."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין קארמען דע לא ראָוסאַ האט געזאגט,** "א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פאר אייער פארפליכטונג צו אונטערהייבן די היסטאריעס פון דעם דאמיניקאנער פאלק. די 12.5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר די דאמיניקאנער-אמעריקאנער קולטורישע צענטער זענען קריטיש צו די קולטורישע אנוועזנהייט און השפעה פון דאמיניקאנער וועלכע האבן אוועקגעשטעלט זייער היים דא און האבן טראנספארמירן אונזערע קאמיוניטיס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן